# ויקרא

## איסור גזילה

**והשיב את הגזילה אשר גזל**[1] – דאָס איז די מצוה אַז מען דאַרף אומקערן אַ גע׳גזל׳טע זאַך.

דער רמב״ם[2] שרייבט אַז די דינים פון תורה זיינען געגעבן געוואָרן כדי מען זאָל פון זיי אָפּלערנען ווי צו דינען דעם אויבערשטן. און דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז אין צוגאָב צו דער פשוט׳ער אינהאַלט פון דער מצוה, אַז מען דאַרף אומקערן אַ ״גזילה״, איז אויך פאַראַן אַן אָפּלערנונג פון דער מצוה פאַר יעדער אידן, פון קליין ביז גרויס.

די הוראה פון דער מצוה, ספּעציעל פאַר קינדער פון ״צבאות השם״:

אַ איד דאַרף וויסן, אַז יעדע זאַך אין וועלט, וויבאַלד עס איז באַשאַפן געוואָרן דורך דעם אויבערשטן אַליין – ״**בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ**״[3] – איז זיכער אַז עס איז פאַראַן אין זיי טוב און קדושה.

**בשעת מען זעט אין וועלט אַ ניט גוטע זאַך, איז דאָס אַן ענין פון גזילה! דער יצר האָט צוגע׳גזל׳ט אַ זאַך פון רשות הקדושה!**

און דעריבער, בשעת מען זעט אין וועלט אַ ניט גוטע זאַך, איז דאָס אַן ענין פון גזילה! דער יצר האָט צוגע׳גזל׳ט אַ זאַך פון רשות הקדושה!

צום ביישפּיל:

ווען דער ״יצר״ רעדט איין א קינד צו פאַרפעלן חס ושלום צו מאַכן אַ ברכה אָדער ענטפערן ״אמן״ – גזל׳ט ער דערמיט אַ זאך פון רשות הקדושה. און אפילו אויב דער יצר האַלט אָפּ אַ אידן פון צו פאַרשפּרייטן אידישקייט פאַר איין רגע – גזל׳ט ער דערמיט דעם רגע וואָס מען וואָלט געקענט אויסנוצן פאַר הייליקע זאַכן.

נאָך אַ נקודה אין דעם:

עס איז באַוואוסט דער אונטערשייד צווישן "גניבה" און "גזילה", אַז גניבה מיינט ווען מען נעמט צו אַ זאַך פון אַ צווייטן באַהאַלטערנערהייט אַז די בעלים זעען ניט די גניבה, דאַקעגן גזילה מיינט אַז מען נעמט צו די זאַך אָפענערהייט מיט דער ידיעה פון די בעלים[4].

און דא איז מען מדגיש גזילה דוקא. ווייל ווען מען רעדט וועגן דעם אויבערשטן, וואָס "**ה' נצב עליו ומלא כל הארץ כבודו**"[5] – איז דאָך ניט שייך דער גאנצער ענין פון "גניבה", מערניט ווי גזילה.

און דאָס איז די שליחות פון "צבאות השם" – ניט נאָר צו מלחמה האָבן מיט דעם "יצר" און אים מנצח זיין און מבטל זיין אינגאַנצן, נאָר נאָך מער, אַז אפילו די זאַכן וועלכע זיינען שוין צוגע'גזל'ט געוואָרן דורך דעם יצר, זאָל מען זיי אומקערן צו רשות הקדושה.

**אפילו די זאַכן וועלכע זיינען שוין צוגע'גזל'ט געוואָרן דורך דעם יצר, זאָל מען זיי אומקערן צו**

און זיכער אַז דער אויבערשטער גיט יעדער איינעם די נויטיקע כוחות אויף דעם[6], און נאָך מער: ס'איז "**קרוב אליך הדבר מאד**"[7]; מען דאַרף נאָר מחליט זיין מיט דער ריכטיקער שטאַרקייט, און מיט אַ יגיעה – האָט מען די הבטחה אַז "**יגעתי ומצאתי**"[8], אַז מ'וועט מצליח זיין צו ממלא זיין די שליחות צו אומקערן אַלע זאַכן פון וועלט צו רשות הקדושה.

(אור לה' דחנוכה תשמ"ו)

---

1) ויקרא ה, כג. ספר המצוות להרמב"ם מצוות עשה קצד. 2) סוף הלכות תמורה. 3) בראשית א, א - מה"י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל". 4) רמב"ם הלכות גניבה פרק א הלכה ג. 5) תניא פרק מא (נו, א ואילך) - מה"י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל". 6) ראה במדבר רבה פי"ב, ג. 7) נצבים ל, יד - מה"י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל". 8) מגילה ו, ב - מה"י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל".